**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/8/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט 46 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג פאר אויספלאסטערונג פארבעסערונג פראיעקטן אויף דעם ניו יארק סטעיט טרו-וועי אין מערב ניו יארק**

***צוויי פראיעקטן נעמען אריין איבערפלאסטערן איבער 100 לעין מייל אין דזשענעסי און ערי קאונטיס***

***נייע דרייוו׳ען אויבערפלאך וועט זיין א טובה פאר איבער 14.6 מיליאן מאטאריסטן וועלכע פארן אויף דעם טייל פון דער טרו-וועי יעדעס יאר***

***פראיעקטן ערווארטעט פערטיג צו ווערן אין 2023***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן א 46 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג פאר צוויי אויספלאסטערונג פארבעסערונג פראיעקטן אויף דער ניו יארק סטעיט טרו-וועי (I-90) אין ערי און דזשענעסי קאונטיס. די צוויי פראיעקטן נעמען אריין איבערפלאסטערן איבער 100 לעין מייל פון דער טרו-וועי צווישן עקזיט 47 (ראטשעסטער — לעראוי — I-490 — ניו יארק רוט 19) ביז נאך עקזיט 48A (פעמבראוק — מעדינע — ניו יארק רוט 77).

״ניו יארק אינוועסטירט ביליאנען דאלארען אין איבערבויען און פארבעסערן ראודס, בריקן און אנדערע אינפראסטרוקטור צו פארזיכערן אז אונזער טראנספארטאציע סיסטעמען זענען זיכער און פארלעסליך פאר פילע קומענדיגע דורות,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״אלס דער אריינגאנג צו מערב ניו יארק, איז דער 26-מייליגע טייל פון דער טרו-וועי איז א העכסט-נייטיגע קארידאר פאר קאָמיוטערס, טוריסטן און קאמערציעלע טראפיק און איז א מאטאר פאר ארטיגע עקאנאמיעס. ניו יארק בויט זיך צוריק איבער שטערקער פון דער פאנדעמיע און ליפערט א טעכנאלאגיש פארגעשריטענע, 21׳סטע יארהונדערטיגע אינפראסטרוקטור ווי עס פאסט זיך פאר ניו יארקער און אין-לאנדישע און אינטערנאציאנאל געסט.״

**טרו-וועי אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר מעטהיו דז. דריסקאל האט געזאגט,** ״די טרו-וועי אויטאריטעט טוט כסדר און סטראטעגיש ווידער-אינוועסטירן טאָל דאלארען צו פארשטערקערן זיכערהייט, פארלעסליכקייט, און פארבעסערן שאסייען און בריקן צו שאפן א מאדערנער טראנספארטאציע צווייג. די צוויי פראיעקטן אין סה״כ פון 46 מיליאן דאלער זענען בלויז א טייל פון די איבער 397 מיליאן דאלער וואס דער טרו-וועי וועט שענקען פאר פראיעקטן איבער׳ן סטעיט דעם יאר אליין.״

**סטעיט סענאטאר עד ראטה האט געזאגט,** ״דאס אינוועסטירן אין אונזער אינפראסטרוקטור און שאסייען איז קריטיש-וויכטיג. מיט אונזער שווערע ווינטערס, נייטיגן זיך אונזערע אָפּסטעיט שאסייען אפטמאל אין פארריכטונגען. די צוויי פראיעקטן וועלן שטארק פארבעסערן א גרויסע שטרעקע פון דעם -I

90 וואס פילע פון אונז ניצן אזוי אפט. עס פריידט מיך צו זען די אינוועסטירונג ווערט געמאכט אין אונזערע ארטיגע ראודס.״

**אסעמבלי-מיטגליד סטיוו האולי האט געזאגט,** ״אונזער עקאנאמיע לויפט דורך אונזער גאסן, און דערפאר איז עס א גרויסער אנטוויקלונג אז די העכסט-נייטיגע שאסייען וועלן עס מאכן מער זיכער און מער ווירקזאם אויף צו פארן א דאנק די איבערפלאסטערן פראיעקטן. די פארבעסערונג פון די אפטיילן פון הייוועי אין דזשענעסי קאונטי און ערי קאונטי וועלן זיכער העלפן מאכן אונזערע קאמיוניטיס מער זיכערע פלעצער צו וואוינען און ארבעטן פאר אלע וועלן ניצן זיי אויף צו געניסן פון אלצדינג וואס זיי האבן אנצובאטן.״

א 23.4 מיליאן דאלערדיגע אויספלאסטערונג פארבעסערונג פראיעקט אויפ׳ן טרו-וועי (I-90) אין דזשענעסי קאונטי איז אונטערוועגנס אויף א 15.5 מייליגע שטרעקע צווישן עקזיט 47 (ראטשעסטער — לעראוי — I-490 — ניו יארק רוט 19) ביז עקזיט 48 (באטאוויע — ניו יארק רוט 98). אומגעפער 39,000 מאטאריסטן פארן אויף דעם טייל פון I-90 טאג טעגליך.

דער פראיעקט רעכנט אריין פולקאמע און טיילווייז טיפקייט פארריכטונגען ווי אויך פולקאם איבערפלאסטערן דער אויבערפלאך. אין צוגאב וועט אויבערפלאך איבערפלאסטערונג ארבעט פארקומען ביי דעם ארויפגאנג און אראפגאנג ראמפעס ביי עקזיט 47 און 48, ווי אויך דער עקזיט 47 קאָמיוטער ׳פארק ענד רייד׳ לאט. אפשפיגלענדע ליניע שטרייפען פאר פארשטערקערטע זיכערהייט וועט אויך געלייגט ווערן.

קאלד ספרינג קאנסטרוקציע קאמפאני פון אקראן, ניו יארק, איז דער קאנטראקטאר פון דעם פראיעקט. ארבעט איז ערווארטעט פערטיג צו ווערן אין זומער 2023.

א 22.9 מיליאן דאלערדיגע פלאסטערונג פארבעסערונג פראיעקט אויף I-90 אין דזשענעסי און ערי קאונטיס אין ביידע ריכטונגען איז באשטימט זיך אנצוהויבן דעם מאנאט אויף אן 11-מייליגע שטרעקע צווישן עקזיט 48 (באטאוויע — ניו יארק רוט 98) ביז באלד נאך עקזיט 48A (פעמבראוק — מעדינע — ניו יארק רוט 77). אומגעפער 40,000 מאטאריסטן פארן אויף דעם טייל פון I-90 יעדן טאג.

דער פראיעקט רעכנט אריין פולשטענדיגע טיפקייט פארריכטונגען און איבערפלאסטערונג אויף I-90 אין ביידע ריכטונגען אריינגערעכנט די ראמפעס ביי עקזיט 48A. הייערן דורכגאנג פארבעסערונגען וועלן אויך געמאכט ווערן לענגאויס I-90 ביי מייל-שטאנג 397.67 איסטבאָונד.

אוקגראוו קאנסטרוקציע אינק. פון עלמא ניו יארק איז דער קאנטראקטאר פאר דעם פראיעקט. די ארבעט איז ערווארטעט פערטיג צו ווערן אין הערבסט 2023.

דרייווערס קענען זיך אנטרעפן אין לעין פארדרייעניש און לעין פארשליסונגען דורכאויס די קאנסטרוקציע. ענדערונג פעאיגע שילדן וועלן ראטן מאטאריסט איבער די קאנסטרוקציע ארבעט. די ארבעט איז אפהענגיג אין וועטער און קען נאך מעגליך געענדערט ווערן.

פארער קענען באזוכן [thruway.ny.gov](https://thruway.ny.gov), דאונלאד׳ען דער טרו-וועי אויטאריטעט׳ס [בחינם׳דיגע מאביל עפּ](#) און זיך אויפשרייבן פאר [TRANSalerts](#) פאר טראפיק אינפארמאציע און עכט-צייטיגע טראפיק אָפּדעיטס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418